בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן**

**תשפ"ד**

**358**

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עצתו אמונה

קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה, נָאכְן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר? ..............................א

פַארְוָואס וֶוער אִיךְ פַארְ'חָלוֹמְ'ט בַּיים מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת? ....................ב

אוֹיף וֶועלְכֶע נָאמֶען זָאל מֶען רוּפְן דָאס קִינְד? ...............................ה

דַארְף אִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי מְנַהֶלֶת וָואס הָאט מִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט? ..............ו

פַארְוָואס קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן קוּקְן אוֹיף פְּרוֹיעֶן? ............ח

וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען לְכָבוֹד מַיין גֶעבּוּרְטְסְטָאג? ..................יא

# איש אמונות

אוֹיף מַיין טַאטְנְ'ס אַקְסְל, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא ..............................א

נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן וִוי דִי וָואס כַאפְּן זִיךְ אֵיין טָאג נַאקֶעט אַלֵיין ..................ג

נָאר בַּיים אַרָאפְּבֵּייגְן צוּם וַואסֶער, וֶועט עֶס צוּרִיק שְׁפִּיגְלֶען ....................ג

צוּשְׁטֶעלְן דִי קִיאַסְק אַז מֶען זָאל נִישְׁט לוֹיפְן צוּם סְמַארְטְפָאוֹן ..................ד

נִישְׁט קַיין סְתִירָה צוּ פַארְלַאנְגֶען צְנִיעוּת אוּן גֶעבְן לִיבְּשַׁאפְט ..................ה

עֶס דַארְף נִישְׁט וֵויי טוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בֶּעסְטֶע חַבֶרְ'טֶע ...............ו

אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וִויל שָׁלוֹם בַּיִת, דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּבּ ...............ו

צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט כָּאטְשִׁיג דְרֵיי מִינוּט פַארְן זְמַן .......................ז

דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע כֹּחַ פוּן טַאטֶע מַאמֶע ..........ח

לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית יֶעדְן טָאג, פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה.......ח
אוֹיבּ הָאסְטוּ אִים לִיבּ, זַיי אִים מְחַזֵק אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ.....................ט
זַייט אָפְּגֶעהִיטְן, רֶעדְט נִישְׁט מִיט קַיין פְרֶעמְדֶע מַאן אָדֶער בָּחוּר ...............י
פַארְוָואס הָאבְּן מִיר אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד? ...................................יא
מַאךְ זִיכֶער אַז יֶעדֶער טַאטֶע בַּאצָאלְט שְׂכַר לִימוּד ..............................יג
אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס קֶען דִיר הֶעלְפְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ.............................יד
עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל פוּן אוּנְזֶערֶע גִּלְיוֹנוֹת................. טו
אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי "חִיזוּק יוֹמִי הַמְתוּרְגָם" ........................................ טז
דִי יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן הֶעלְפְן צוּם קָאמְפֵּיין ...............יז
דַיין רְפוּאָה אִיז מִשְׁנַיוֹת...........................................................יז
גְרֵייט זִיךְ צוּ אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט תְּפִלָּה, מִיט בֶּענְקֶען, מִיט שִׂמְחָה......יט
אַז מֶען הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים און מֶען לֶערְנְט דִי בְּרִיוו, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט .יט
הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ בֶּעטְן גֶעלְט פַארְן קָאמְפֵּיין...............................כ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה, נָאכְן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה, אַז אִיךְ הָאב זִיךְ הַיינְט אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר פוּן קָאפּ.

דָאס קוּמְט נִישְׁט פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט פוּן מַיין מַאנְ'ס מִשְׁפָּחָה, בַּיי זֵיי אִיז גָאר דָא אַ פַארְקֶערְטֶע עִנְיָן, דַוְקָא זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁערְן.

אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט אַזוֹיפִיל וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן דֶעם, שְׁרַייבְּט פוּן דֶעם, אִיךְ בִּין אָבֶער גֶעוֶוען זִיכֶער אַז עֶס גֵייט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעְן בַּיי מִיר. אִין אָנְהוֹיב הָאב אִיךְ נָאר גֶעהֶערְט, אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאב אִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל עֶס וֶועלְן טוּן, נָאךְ שְׁפֶּעטֶער הָאב אִיךְ שׁוֹין גֶעוָואלְט עֶס טוּן אוּן אִיךְ הָאב שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין עֶס צוּ טוּן, מַיין מַאן הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט נֵיין אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט גֶעזָאגְט יָא, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס צוּ טוּן, אָבֶער יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאלְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ.

וִוי נָאר אִיךְ הָאב גֶעעֶנְדִיגְט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, הָאבְּן מַיינֶע לִיפְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיז מִיר אַרוֹיס פוּן מוֹיל, צֶעמִישְׁט, אָן וִויסְן וָואס מַיין מַאן גֵייט זָאגְן, אוּן וִוי אַזוֹי גֵיי אִיךְ פִילְן.

בַּיים צוּזַאמְנֶעמֶען דִי הָאר אִין אַ זֶעקְל, הָאב אִיךְ גֶעזָאגְט: **"בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ לֵייג אַרַיין דָא אַלֶע קְלִיפּוֹת פוּן מִיר, פוּן מַיין מַאן אוּן פוּן אַלֶע, אִיךְ לֵייג דָא אַרַיין תֵּימָן, אִירַאן, אִירַאק אוּן אַלֶע שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אוּנְז, עֶס זָאל מֶער נִישְׁט זַיין קַיין מִלְחָמוֹת".**

אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוֹיף דִי הָאר אוּן גֶעזָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דָאס אִיז אַ קָרְבָּן פַּאר דִיר! אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעפִּילְט אַז אִיךְ בִּין מַקְרִיב אַזַא שְׁוֶוערֶע קָרְבָּן אַזוֹי ווִי יֶעצְט, עֶס אִיז נָאר פַּאר דִיר, אוּן אִין דֶעם זְכוּת זָאלְן מִיר אִינְגִיכְן הֶערְן דֶעם שׁוֹפָר שֶׁל מָשִׁיחַ אוּן תְּשְׁעָה בְּאָב זָאל וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ אַ יוֹם טוֹב, אִיךְ זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, אַ רְפוּאָה אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן, אַ רְפוּאָה אוֹיף מַיינֶע פְּחָדִים, אִיךְ מִיט מַיין מַאן זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים, נִישְׁט הָאבְּן קַיין לְחָצִים, הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח, אָפְּצָאלְן חוֹבוֹת, הָאבְּן נָאר אִידִישׁ נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער, אוּן הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער גְרִינְגֶערְהֵייט אוּן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, הֵיילִיגֶע גֶעזוּנְטֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, יִרְאֵי הַשֵּׁם מִיט גוּטֶע מִידוֹת, הִיטְן אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַלֶע רְפוּאוֹת, גֶעזוּנְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער.

אִיךְ ווִיל נָאר בֶּעטְן אַ וַוארֶעמֶע בְּרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וואוּנְטְשְׁט פַּאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ אָפּ זֵייעֶר הָאר - זָאלְן קוּמֶען צוּ אַייךְ, אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דִי צַדִיקִים הָאבְּן צוּגֶעזָאגְט פַּאר דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס שֶׁערְן זִיךְ זֵייעֶר הָאר - זָאלְן קוּמֶען צוּ אַייךְ.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): ״תּוּנְבָא לֵיתֵי״ אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, ״עַל הַהוּא בַּר נָשׁ״ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, ״דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ״ וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, ״דְּתִתְחַזֵי מִשַׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר״ אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. ״וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ״ אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. ״וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר״ אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, ״לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ״ זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, ״גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא״ אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, ״וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא״ אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, ״וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא״ אַזוֹי אוֹיךְ

אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּב, "מַאן גָּרִים דָּא" וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? "הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר" דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְּרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, זִי שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר - וֶועט זִי הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט - אַזוֹי אִיז, יֶעדֶעס מָאל וֶוען דִי פְּרוֹי שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר - אִיז זִי מַקְרִיב אַ קָרְבָּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זִי קֶען דֶעמָאלְט בֶּעטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע, זִי קֶען פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס וֶוער אִיךְ פַארְחָלוֹמְ'ט בַּיים מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ אוֹיף דִי בְּרִיוו אִין "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אוּן "אִישׁ אֱמוּנוֹת", עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק, אַ גַאנְצֶע וָואךְ וָוארְט אִיךְ שׁוֹין קוֹים אוֹיף דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה צוּ מַאכְן יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ פְּרוּבִּיר כָאטְשׁ, אָבֶּער אִיךְ הָאב אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת. אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פְּרוּבִּיר אַרוֹיסְצוּרֶעדְן וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְן הַאַרְץ, אָבֶּער צוּמָאל כַאפּ אִיךְ זִיךְ נָאכְדֶעם אַז אִיךְ הָאב בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט בִּשְׁעַתְ'ן רֶעדְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן אַז אִיךְ רֶעד צוּ אִים. אִיךְ וֶוער פַארְ'חָלוֹמְ'ט אוּן פַארְטְרַאכְט, אוּן אִיךְ הָאב חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דֶעם.

אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד הָאב אִיךְ אַן עֶנְלִיכֶע פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ זָאג דִי וֶוערְטֶער אָבֶּער נָאכְדֶעם כַאפּ אִיךְ אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ הָאב בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט וָואס אִיךְ זָאג, אִיךְ הָאבּ סְתָּם גֶע'חָלוֹמְ'ט אוּן גֶעטְרַאכְט פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר.

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן צְווֵיי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אִין שַׁ"ס הַאלְט אִיךְ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִינְמִיטְן מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אַלֶעס אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר שְׁרַייבְּן חִיזוּק אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאב שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוו צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָבֶּער אִיךְ הָאב נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם

ענְטְפֶער. אִיךְ הָאבּ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דֶעם, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וויפִיל חִיזוּק אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם.

אִיךְ בֶּעט מַמָּשׁ בְּרַחֲמִים אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן ווי שְׁנֶעלֶער, דָאס וֶועט מִיר גֶעבְּן אַסַאךְ חִיזוּק אוּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען ווייטֶער מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאְרן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסט): "מַה צְּרִיכִין לְהִתְבַּלְבֵּל, אֵיךְ שֶׁעוֹשִׂין עוֹשִׂין וּבִלְבַד שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת רַע חַס וְשָׁלוֹם", מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן גָארְנִישְׁט, "ווי מֶען טוּט טוּט מֶען, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם".

גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן טְרַאכְט נִישְׁט אִיבֶּער, טְרַאכְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק. נָאכְן דַאוֶוענֶען אוּן נָאכְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתָם): "אוּן אַז דִי דַאוֶוענֶען הָאט אַ פָּנִים ווי אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן" - דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ מְחַיֶּה זַיין, אַזוֹי ווי דֶער תָּם הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, ווי הָאנִיגְדִיג, צוּקֶערְדִיג, זִיס וְכוּ'".

אוֹיךְ וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט דָאס לֶערְנֶען וְכוּ'; פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט פַארְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אויף וועלכע נאָמען זאָל מען רופן דאָס קינד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך האָב בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה געווען צו נאָך אַ קינד, איך האָב אַ נאָמען געגעבן דאָס קינד נאָך אַ זיידע וואָס האָט געהאַט צוויי נעמען, איך וואָלט געוואָלט רופן דאָס קינד מיטן נאָמען וואָס מען פלעגט רופן דעם זיידן ווען ער האָט געלעבט. ווען מיין זיידע האָט געלעבט האָב איך אפילו נישט געוואוסט אַז ער האָט נאָך אַ נאָמען, איך געדענק אים גוט, ער איז געווען אַן ערליכער איד, ער איז אייביג געווען פריילעך, ער איז מיר זייער נאָנט צום הארץ.

מיין ווייב האָט אָבער בעסער ליב די אַנדערע נאָמען, ווייל אין איר מִשְׁפָּחָה איז דאָ וואָס הייסן מיט די אַנדערע נאָמען און זי איז מער צוגעוואוינט צו יענע נאָמען, אַזוי ווי זי האָט אָבער געזען אַז איך וויל אַזוי שטאַרק רופן מיט דעם נאָמען, האָט זי מַסְכִּים געווען אַז מען זאָל אים רופן מיטן נאָמען וואָס מען פלעגט רופן דעם זיידן, און אויך ווייל בְּמֶשֶׁךְ די יאָרן האָט זי זיך שוין אויך צוגעוואוינט צו דעם נאָמען ווייל עס איז דאָ אין מיין מִשְׁפָּחָה.

ווען עס איז אָבער געקומען נאָכן בְּרִית, ווען מיין שווִיגער האָט געהערט די נאָמען, האָט זי געזאָגט אַז זי איז נישט מַסְכִּים, זי האָט נישט ליב יענע נאָמען. דאָס האָט מיר זייער שטאַרק וויי געטון; ווייל אין זייער מִשְׁפָּחָה איז נישט דאָ וואָס הייסן מיט יענע נאָמען, איז עס שוין נישט גוט?

איך טראַכט אַז דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וועט מיר ענטפערן, "מאַך זיך נישט נאַריש, רוף מיט די אַנדערע נאָמען און שוין", עס איז אָבער נישט מַמָּשׁ אַזוי, קודם ווייל עס שטערט מיר זייער שטאַרק, און אויך ווייל עס גייט ווי טון פאַר מיין מאַמע. איך האָף דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וועט מיר פאַרשטיין און זאָגן ווי אַזוי זיך צו פירן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**איך האָב ערהאַלטן דיין בְּרִיווּ.**

**מאַך זיך נישט נאַריש און מאַך נישט קיין מַחֲלֹקֶת, עס איז נישט קיין נַפְקָא מִינָהּ וועלכע נאָמען מען רופט, דער עיקר איז אַהֲבָה, אַחְוָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת, לעבן בְּשָׁלוֹם איז די גרעסטע זאַך פאַר נְשָׁמוֹת פון עלטערן, און אַז דער אייבערשטער**

זָאגְט (סוֹטָה ז.): "יִמָּחֶה שְׁמִי עַל הַמַּיִם", מֶעק אוֹיס מַיין נָאמֶען אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם; זָאלְסְטוּ זִיכֶער אוֹיסְמֶעקְן דִי סָארְט גֶעפִילְן פוּן רוּפְן אַזוֹי צִי אַזוֹי, אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ חֲשִׁיבוּת וֶוען מֶען הָאט אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס זֶענֶען מְוַתֵּר אוּן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם, דִי זֵיידֶעס אוֹיבְן אִין הִימְל הָאבְן נִישְׁט קַיין רוּ וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ; וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ וֶועגְן זֵייעֶר נָאמֶען, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גֶעלֶעכְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי מְנַהֶלֶת וָואס הָאט מִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אַז אֵיינֶער הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אוּן נָאכְהַאלְץ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן יֶענֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט דָארְט: "דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם עֶרֶב שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אֵיינֶעם וָואס יֶענֶער הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ גֶעוֵוינְט וֶוען יֶענֶער הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן וֵויי גֶעטוּן; דָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן גֶעטְרַאכְט 'יֶענֶער הַאלְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים וֵויי גֶעטוּן אוּן אִיךְ הַאלְט אַז יֶענֶער הָאט מִיךְ וֵויי גֶעטוּן, אִיז ווִי קֶען מֶען זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן?' אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן יֶענֶעם אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט דָארְט וַוייטֶער: "אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס ווייל אִיךְ וֵוייס דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת, דוּ בִּיסְט פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן אוּן דוּ וַוארְסְט יֶענֶער זָאל דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן; פַארְשְׁטֵיי אַז יֶענֶער הָאט אוֹיךְ טַעֲנוֹת, סְבָרוֹת אוּן רְאָיוֹת אַז דוּ הָאסְט אִים וֵויי גֶעטוּן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן בֶּעט אִיבֶּער דִי וָואס הָאבְן דִיךְ וֵויי גֶעטוּן, אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם. הִתְבּוֹדְדוּת קְלָארְט אוֹיס דִי מַעֲשֶׂה, אָן הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ גוּט אָפְּנַארְן".

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי מְנַהֶלֶת פוּן מַיין אַלְטֶע סְקוּל, אַפָּאר חֳדָשִׁים אִין אַ צִי הָאט זִי יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג גֶעשִׁיקְט דִי סֶעקְרֶעטֶערִי אוּן אִין פָּארְנְט פוּן דִי גַאנְצֶע

קְלַאס מִיךְ אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט, צוּלִיבּ אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע קְרִיגֶערַיי וָואס זִי הָאט גֶעהַאט מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועגְן גֶעלְט וָואס זִי הָאט גֶעהַאלְטְן אַז אִיךְ דַארְף דַארְף בְּרֶענְגֶען; דַארְף אִיךְ אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן? יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר דַארְפְט אִיבֶּערְבֶּעטְן? אַייעֶר מְנַהֶלֶת הָאט פַארְגָאסְן אַייעֶר בְּלוּט טָאג נָאךְ טָאג, דַארְפְט אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן? אִיר דַארְפְט אִיר נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן, זִי דַארְף אַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן פַארְן אַייךְ פַארְשֶׁעמֶען און פַארְן אַייךְ אַהֵיים שִׁיקְן וְכוּ'.

אֵיינֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט קִינְדֶער, און זִיכֶער אוֹיבּ אֵיינֶער טוּט פַארְשֶׁעמֶען קִינְדֶער וֶועגְן חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ' - אַזַא אֵיינֶער טָאר נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, אַזַא אֵיינֶער אִיז עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין; וַוייל אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט קִינְדֶער - וֶוערְן זֵיי צֶעקְלַאפְּט פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

יֶעצְט, וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר אַייךְ; צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֵוייטָאג זָאל אַרוֹיסְגֵיין, אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, און אִיר זָאלְט קֶענֶען פַארְגֶעבְּן אַלֶע וָואס הָאבְּן אַייךְ וֵויי גֶעטוּן אִין אַייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן.

אִיר קֶענְט נָאךְ יֶעצְט זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ שִׁיקְן אַ יְשׁוּעָה בִּזְכוּת דִי בִּזְיוֹנוֹת; וֶוער עֶס הָאט אַ בִּזָיוֹן און שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט - קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת, און אֲפִילוּ שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן אַמָאלִיגֶע בּוּשׁוֹת און מֶען וֶוערְט נָאכְאַמָאל פַארְוֵוייטָאגְט - קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָארְגְן אִיז אַ תַּעֲנִית. אִינְדֶערְפְרִי זָאגְן מִיר סְלִיחוֹת, מִיר פַאסְטְן (דִי בָּחוּרִים

און די מֶענֶער), און מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת; אִינְאֵיינֶעם מִיט מָשִׁיחַ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף שִׂנְאַת חִינָם, זוּכְן ווִי מִיר קֶענֶען שָׁלוֹם מַאכְן אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת, און אַוַדַאי נִישְׁט מִיט מַחֲלֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם; דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיבּ שִׂנְאַת חִינָם.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם עֶרֶב שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אֵיינֶעם וָואס יֶענֶער הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ גֶעוֵויינְט וֶוען יֶענֶער הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט און וֵויי גֶעטוּן; דָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען און גֶעטְרַאכְט 'יֶענֶער הַאלְט אַז אִיךְ הָאבּ אִים וֵויי גֶעטוּן און אִיךְ הַאלְט אַז יֶענֶער הָאט מִיךְ וֵויי גֶעטוּן, אִיז ווִי קֶען מֶען זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן?' אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט און יֶענֶעם אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, און עֶס אִיז גֶעוָוארְן שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ וֵוייס דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת, דוּ בִּיסְט פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן און דוּ וַוארְטְ יֶענֶער זָאל דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן; פַארְשְׁטֵיי אַז יֶענֶער הָאט אוֹיךְ טַעֲנוֹת, סְבָרוֹת און רְאָיוֹת אַז דוּ הָאסְט אִים וֵויי גֶעטוּן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד און בֶּעט אִיבֶּער דִי וָואס הָאבְּן דִיךְ וֵויי גֶעטוּן, אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

הִתְבּוֹדְדוּת קְלָארְט אוֹיס דִי מַעֲשֶׂה, אָן הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ גוּט אָפְּנַארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

## פַארְוָואס קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שׁוֹין פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר, און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת בִּזְכוּת דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַז אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם; כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ שָׁלוֹם בַּיִת, און טְרָאץ דֶעם וָואס אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף

שְׁמִירַת עֵינַיִם, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, וֶוען אִיךְ גֵיי אוֹיפְן גַאס - קוּק אִיךְ אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶס אִיז אַ גוֹי אָדֶער אַ אִיד, צִי אַ מֵיידְל אָדֶער אַ וַוייבְּל, וֶועל אִיךְ נֶעבֶּעךְ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי.

עֶס גִיסְן זִיךְ טְרֶערְן פוּן מַיינֶע אוֹיגְן וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ דִי וֶוערְטֶער, וַוייל אִיךְ בֶּעט שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן נָאכְאַלְץ בִּין אִיךְ אַזוֹי מְשׁוּגָע; וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דִי צַעַר אַז אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְן וָואס צוּ טוּן?

אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער אִיד וָואס וִויל זַיין גוּט.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען שְׁרֵייט: "טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע", דָאס אִיז דִי עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "אֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט", וֶוען מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע פוּן עֲבֵירוֹת, "שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דָארְט, "צוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין", זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן.

וֶוער נִישְׁט בַּאקְוֶועם אִין דַיין בְּלָאטֶע, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער טֶעג אוּן יָארְן וָואס דוּ זוּכְסְט עֵצוֹת צוּ בַּאקוּמֶען הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט, זָאלְסְטוּ נִישְׁט שָׁלוֹם מַאכְן מִיטְן מַצָּב, נָאר וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוען מֶען גֵייט אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע גֵייט מֶען אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, דֶער עִיקָר טָאר מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט בֵּיידֶע פִּיס"; אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנִיוֹת, דִי פָּסוּק (תְּהִלִּים ל, ד) הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי - אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָה; אֲפִילוּ מֶען אִיז אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, מֶען קוּקְט רַחֲמָנָא לִצְלָן עֶקְלְדִיגֶע גְרוֹילִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנִיוֹת - וֶוערְט

הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, הָאסְט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען מַיין נֶפֶשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁמִירְט זִיךְ דִי נְשָׁמָה דוּרְךְ מִשְׁנָיוֹת - בַּאקוּמְט מֶען אַ נֵייעֶ רֵיינֶע צִיכְטִיגֶע נְשָׁמָה.

זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה" וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, "יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים" זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, "כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה" וַוייל זָאגְן תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן פְלֶעכְט אַרַיין אִין דִי פְּסוּקִים פוּן תְּהִלִּים דַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעבֶּעט, בֶּעט אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין. נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין עֲבֵירוֹת, 'וְתַעַזְרֵנוּ לְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר וּלְגָרֵשׁ וּלְבַטֵּל מֵאִתָּנוּ כָּל הַהִרְהוּרִים רָעִים הַנִּמְשָׁכִין מֵאָרִיךְ אַנְפִּין דִּקְלִפָּה', הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן אוּן פַארְטְרַייבְּן דִי טוּמְאָה וָואס וַוארְפְט מִיךְ אַרָאפּ אִין 'אָרִיךְ אַנְפִּין' דִּקְלִפָּה, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁוַואךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי כֹּחוֹת זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ דַארְף דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ אַלֵיין בִּין אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, נָאר אֵיין זַאךְ אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן, דִיר צוּ בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן".

מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען לְכָבוֹד מַיין גֶעבוּרְטְסְטָאג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַ גוּטֶע קַבָּלָה לְכָבוֹד מַיין גֶעבוּרְטְסְטָאג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם זִיךְ פָאר לְכָבוֹד דַיין גֶעבוּרְטְסְטָאג צוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג.

מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן לַאנְג, מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן לַאנְג; רוּף זֵיי יֶעדְן טָאג, דֶערְצֵייל זֵיי עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אִינְטֶערֶעסִיר זִיךְ וָואס זֵיי מַאכְן; דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע קַבָּלָה וָואס דוּ זָאלְסְט מַאכְן.

אַמָאל הָאט דֶער חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַארְהֶערְט קִינְדֶער, אַ קִינְד הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן דִי הַאנְט אַז עֶר וִויל פְרֶעגְן אַ פְרַאגֶע, דֶער חַזוֹן אִישׁ פְרֶעגְט אִים: ״וָואס ווִילְסְטוּ פְרֶעגְן?״ זָאגְט דֶער אִינְגְל: ״וִוי אַזוֹי וַואקְסְט מֶען אוֹיף אַ חַזוֹן אִישׁ?״ דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט זִיךְ פַארְטְרַאכְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם״.

ווַאוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז שְׁטַארְק אִין דִי מִצְוָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי וֶועלְט אוּן צוּ יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אוֹיף מַיין טַאטְנְ׳ס אַקְסְל, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, בִּפְרַט דִי קִינְדֶער בִּיכְלֶעךְ; דָארְט זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ כֹּחוֹת, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן לָאזְן וִויסְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן; מֶען דַארְף אַסַאךְ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָּׁה אִין זֵיי, דוּרְכְדֶעם שְׁפָּארְט מֶען אַיין אַסַאךְ עַגְמַת נֶפֶשׁ.

דִי וָואךְ לֵייג דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מֶענְדְל פוּטֶערְפַּאס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וִוי עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישְׁקֵייט אוּן פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין גָלוּת סִיבִּיר.

**״גֵיי נִישְׁט! גֵיי נִישְׁט!״ הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן... עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת...!**

**דִי קְלֵיינֶע מֵיידְל גֵייט, אַלֶע שְׁרֵייעֶן: ״וָואס טוּסְטוּ? דוּ וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן!״**

**גֶעוֶוען אִיז דָאס מִיט יָארְן צוּרִיק אִין סִיבִּיר וואוּ מֶען הָאט פַארְטְרִיבְּן דִי אִידְן אִין גָלוּת סִיבִּיר, דִי קַאמוּנִיסְטְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן גֶעזוּכְט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן.**

רֶבִּי מֶענְדְל פוּטֶערְפַּאס אִיז דָארְט אוֹיךְ פַּארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר דִי תּוֹרָה. נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, אוּן וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״רֶבִּי מֶענְדְל, וִוי אַזוֹי הָאט אִיר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן? וָואס הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן שְׁטַארְקֵייט?״ פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: ״דִי קְלֵיין מֵיידְל וָואס אִיז אַרוֹיף אוֹיפְן שְׁטְרִיק, אַרִיבֶּער דִי צְוֵויי בֶּערְג - דָאס הָאט מִיךְ גֶעטְרָאגְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע יָארְן״, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט:

דָארְט וואוּ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַ שְׁטְרִיק צְוִוישְׁן צְוֵויי

בֶּערְג הֶעכֶער אַ גְרוֹיסֶער טָאל, וַיְהִי הַיּוֹם אֵיין טָאג קוּמְט אֵיינֶער אוּן רוּפְט אוֹיס: "וֶוער ווִיל זֶען ווִי אִיךְ וֶועל אַרִיבֶּערְשְׁפַּאצִירְן אוֹיפְן שְׁטְרִיק הֶעכֶער דִי טָאל?" עֶר קְרִיכְט אַרוֹיף אוּן גֵייט אַרִיבֶּער דִי שְׁטְרִיק, אַ טֵייל קוּקְן אוּן שְׁרֵייעֶן פַאר שְׁרֶעק, אַ טֵייל קֶענֶען נִישְׁט קוּקְן, זֵיי צִיטֶערְן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אַרָאפְּפַאלְן, אַ טֵייל פַּאטְשְׁן, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם צְוֵוייטְן בַּארְג, רוּפְט עֶר אוֹיס הוֹיךְ:

"וֶוער ווִיל קוּמֶען אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁטְרִיק פוּן אֵיין בַּארְג צוּם צְוֵוייטְן?" אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶעט מֶען אַ קְלֵיין מֵיידְל הוֹיבְּט אָן גֵיין...

"גֵיי נִישְׁט, גֵיי נִישְׁט!" הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן... "סַכָּנַת נְפָשׁוֹת...!"

דִי קְלֵיינֶע מֵיידְל גֵייט, אַלֶע שְׁרֵייעֶן: "וָואס טוּסְטוּ? וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן!" זִי קְרִיכְט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שְׁטַייטְלֶעךְ אַרִיבֶּער אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן פַאר פְרֵייד אַז דִי קְלֵיין קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעפַאלְן.

מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי מֵיידְל: "וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין?" זִי לַאכְט אוּן זִי פְרֶעגְט: "מוֹרָא? דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מַיין טַאטֶע, אַז מַיין טַאטֶע נֶעמְט מִיךְ אַרִיבֶּער - וֵוייסְט עֶר וָואס עֶר טוּט, אוֹיף מַיין טַאטֶע'ס אַקְסְל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא".

רֶבִּי מֶענְדְל זָאגְט: "דִי וֶוערְטֶער אִיז מִיר אַרַיין אִין מַיינֶע בֵּיינֶער, אַז אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אִין סִיבִּיר - בִּין אִיךְ אוֹיף מַיין טַאטֶע'ס אַקְסְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין טַאטֶע, אַז מַיין טַאטֶע נֶעמְט מִיךְ אַרִיבֶּער - וֵוייסְט עֶר וָואס עֶר טוּט, אוֹיף מַיין טַאטֶע'ס אַקְסְל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר גֶעדֶענְקֶען וואוּ מִיר זֶענֶען, אוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז וֵוייסְן מִיר אַז מִיר זֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַאלְן, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס מִיט אוּנְז.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד ווִי עֶס לוֹיפְט אַ שְׁטְרִיק צְווִישְׁן צְוֵויי בֶּערְג הֶעכֶער אַ טָאל, ווִי אֵיינֶער גֵייט אוֹיפְן שְׁטְרִיק מִיט דִי הֶענְט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַזוֹי ווִי אֵיינֶער ווִיל זִיךְ בַּאלַאנְצִירְן, מִיט אַ קְלֵיין מֵיידְל אוֹיף דִי אַקְסְל, אוּן ווִי מֶענְטְשְׁן קוּקְן מִיט וואוּנְדֶער פוּן אוּנְטְן דִי בַּארְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן וִוי דִי וָואס כַאפְּן זִיךְ אֵיין טָאג נַאקֶעט אַלֵיין

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ לֵייג שְׁלָאפְן מַיינֶע קִינְדֶער יֶעדְן טָאג; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אָבֶער דָאס אִיז מִיר וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס, אִיךְ זִינְג מִיט זֵיי קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אִיךְ זִיץ בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב בִּיז זֵיי שְׁלָאפְן אַיין.

אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט דָאס אוֹיךְ טוּן, עֶס זָאל דִיר זַיין חָשׁוּב, עֶס זָאל דִיר זַיין דִי טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ, זָאלְסְט דָאס טוּן מִיט הַארְץ אוּן מִיט גֶעפִיל. מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן נָאךְ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה - וִוי דֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס - דִי בְּהֵמוֹת, (מֶענְטְשְׁן רוּפְן עֶס אָן גֶעלְט); מֶען לוֹיפְט אוּן מֶען לוֹיפְט, מֶען זֶעט נִישְׁט דִי וַוייבּ, מֶען זֶעט נִישְׁט דִי קִינְדֶער, מֶען זֶעט נָאר גֶעלְט, אוּן אִינְמִיטְן וֶוערְט מֶען אַלְט אוּן שְׁוַואךְ אוּן מֶען זֶעט זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין.

נָאךְ מַעֲרִיב זָאלְסְטוּ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדְן נָאר מִיט דַיין וַוייבּ, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע שָׁעוֹת, פַארְמַאכְן דֶעם טֶעלֶעפָאן פִינְף אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּב אוּן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ ווִיל נָאר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן ווִי דִי וָואס כַאפְּן זִיךְ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער נַאקֶעט אַלֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאר בַּיים אַרָאפְּבֵּייגְן צוּם וַואסֶער, וֶועט עֶס צוּרִיק שְׁפִּיגְלֶען

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת דְּבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, שְׁמֵייכְל אוּן רֶעד שֵׁיין אִין שְׁטוּב, וֶועט דַיין וַוייבּ אוֹיךְ צוּ דִיר שְׁמֵייכְלֶען אוּן רֶעדְן שֵׁיין אוּן וֵוייךְ. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): ״כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים״, אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער שְׁפִּיגְלְט מֶען זִיךְ דֶערִין - וֶוען

מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל און וֶוען מֶען איז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד, "כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ צְוֵוייטְן וֶועט יֶענֶער צוּרִיק שְׁמֵייכְלֶען, און וֶוען מֶען רֶעדְט שֵׁיין - וֶועט יֶענֶער אוֹיךְ שֵׁיין רֶעדְן.

אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז נָאר וֶוען מֶען וֶועט גֵיין צוּ אַ וַואסֶער און מֶען וֶועט זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן צוּם וַואסֶער - נָאר דֶעמָאלְט וֶועט דִי וַואסֶער צוּרִיק שְׁפִּיגְלֶען, דָאס לֶערְנְט אוּנְז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ: "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", בֵּייג זִיךְ אַיין צוּ אַ צְוֵוייטְן, וַוייז הַכְנָעָה, זַיי נִישְׁט אַזוֹי בַּא'גָדוֹל'ט, דֶעמָאלְט וֶועט יֶענֶער צוּרִיק שְׁמֵייכְלֶען; בֵּייג זִיךְ אַיין אִין שְׁטוּב, בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ, "גָּחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ", זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בָּבָא מְצִיעָא נט:), בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר - וֶועט זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב.

וֶוען עֶס קוּמְט 'בְּמִילֵּי דְעָלְמָא', שְׁטוּב זַאכְן, וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן - זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - 'בְּמִילֵּי דִשְׁמַיָּא', וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**צוּשְׁטֶעלְן דִי קִיאַסְק אַז מֶען זָאל נִישְׁט לוֹיפְן צוּם סְמַארְטְפָאוֹן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק גֶעבְּן פַארְן קִיאַסְק, דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר אַז דִי קְהִילָה זָאל זַיין רֵיין און אַז דִי אִינְגֶעלַייט און וַוייבְּלֶעךְ זָאלְן קֶענֶען עֶרְלֶעדִיגְן וָואס מֶען דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן, און אוֹיךְ זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְלוּפְטֶערְן וְכוּ' - אָן הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ'.

זֶע זִיךְ צוּצוּשְׁטֶעלְן צוּ דִי אִינְגֶעלַייט און זַיי עֶפֶענֶען וָואס זַיי ווִילְן, אַזוֹי וֶועלְן זַיי נִישְׁט לוֹיפְן צוּם סְמַארְטְפָאוֹן, שְׁכֹּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט קַיין סְתִּירָה צוּ פַארְלַאנְגֶען צְנִיעוּת אוּן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד

**מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה פַארְלַאנְגֶען צְנִיעוּת אוּן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, מֶען דַארְף בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם; סֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן סֵיי פַארְלַאנְגֶען צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל.

דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע תַּלְמִידוֹת וָואס קוּמֶען אַרְבֶּעטְן אִין סְקוּל דַארְף מֶען פוּן אֵיין זַייט זָאגְן קְלָאר וִוי אַזוֹי אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער גֵייט אָנְגֶעטוּן, אוּן נָאר אַז מֶען אִיז אֵיידְל קֶען מֶען אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי פִיר וֶוענְט פוּן בֵּית פֵיגָא, חַס וְחָלִילָה אַז עֶס וֶועלְן קוּמֶען אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן אָדֶער מִיט דוּרְכְזִיכְטִיגֶע שְׁטְרוּמְפּ, קוּרְץ, אוֹיסְגֶעפַּאסְט; וֶועט דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֵיין פוּן בֵּית פֵיגָא, מֶען דַארְף שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אָן קַיין אוֹיסְנַאם, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען זֵיי בַּאגִיסְן מִיט וַוארֶעמֶע לִיבְּלִיכֶע וֶוערְטֶער, זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן, אוּן זֵיי זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי יָא לִיבּ; וַוייל נָאר מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אוֹיסְהֵיילְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

בְּנוֹגֵעַ רֶעדְן פוּן קְדוּשָּׁה וְכוּ'; עֶנְדֶערְשׁ רֶעדְן בַּאזוּנְדֶער אִין יֶעדֶע קְלַאס וִוי אֵיידֶער רֶעדְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם. דִי זַאכְן דַארְף מֶען רֶעדְן לוֹיט דִי יָארְגַאנְג; בַּיי דִי יוּנְגֶערֶע רֶעדְט מֶען לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד, אוּן בַּיי דִי עֶלְטֶערֶע דַארְף מֶען שׁוֹין רֶעדְן מֶער קְלָארֶער וְכוּ'.

נָאךְ אַ זַאךְ, עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ רֶעדְן פוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה מִפַּעַם לְפַעַם, מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין מִיט אֵיין מָאל רֶעדְן, מֶען דַארְף כְּסֵדֶר רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט, מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן נִישְׁט גֵיין אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן מִיט חַבֶרְ'טֶעס, אוּן אוֹיבּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַן אוֹיסְנַאם, מֶען מוּז יָא גֵיין - דַארְף מֶען שְׁלָאפְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, יֶעדֶער שְׁלָאפְט אִין זֵייעֶר בֶּעט וְכוּ' וְכוּ'.

דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מְנַהֶלֶת אִיז, הָאבְּן אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע קֶשֶׁר מִיט יֶעדֶע אַרְבֶּעטֶער אִין סְקוּל; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס, סֶעקְרֶעטֶערִיס, הֶעלְפֶּערְס אוּן בָּאס טִיטְשֶׁערְס; מֶען מוּז יֶעדֶע וָואךְ הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס דַארְף נִישְׁט וֶוייי טוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בֶּעסְטֶע חַבֶר'טֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידַת בֵּית פֵיגָא**

עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט וֶוייי טוּן אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין בֶּעסְטֶע פְרֶענְד, עֶס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה אַז מֶען הָאט נִישְׁט אַ חַבֶר'טֶע וָואס אִיז צוּ נָאנְט, אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען נָאנְט וֶוערְן מִיט אַייעֶר מַאן וְכוּ'.

נֶעמְט אַייךְ דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים פַאר אַייעֶר בֶּעסְטֶע פְרַיינְד; זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיב וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וִויל שְׁלוֹם בַּיִת, דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויפִיל אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וֶועגְן רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ, זֶע אִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג, אִיךְ דַארְף דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן; מַמָּשׁ וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט מְחַבֵּר זַיין נָאךְ אַ גַאנְצֶע סֶעט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת (עֶס אִיז דָא אַ יֵשׁ אוֹמְרִים, נָאךְ אַכְט מָאל וִוי דִי לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ נָאךְ אִין שְׁטוּבּ; וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן. הֶער אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אִין שְׁנַת תשע"א, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, אִיז מוֹהֲרָא"ש גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין קֶעמְפּ, (דִי קֶעמְפּ אִיז גֶעוֶוען יֶענֶע יָאר אִין עֶלֶענְוִויל). מִיר הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט אַ סְעוּדָה, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט, אוּן בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים: "אִיךְ זָאג צוּ אַלֶע וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית; פֶערְצִיג מָאל, פוּן ט"וּ בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ". אֵיינֶער פוּן דִי אַבְרֵכִים אִיז דֶעמָאלְט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן גֶעפְרֶעגְט, הֱיוֹת עֶר פְּלָאגְט זִיךְ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, וִויל עֶר וִויסְן אוֹיבּ עֶר וֶועט זָאגְן פֶערְצִיג טֶעג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, צִי עֶס וֶועט אִים בֶּעסֶער מַאכְן זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וִויל שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּבּ".

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיינֶע קִינְדֶער און בַּאזוּנְדֶער פַאר זֵייעֶרֶע מְלַמְדִים. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף זֵיי, און גֶעבְּן דִי גוּטֶע גֶעפִיל אַז דוּ בִּיסְט זֵיי מַכִּיר טוֹבָה, און זָאלְסְט זֵיי טַאקֶע מַכִּיר טוֹבָה זַיין. מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אַ מְלַמֵד און טִיטְשֶׁער גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַ שָׁעָה אִין טָאג, נָאר אַז דוּ וֶועסְט אֵיין טָאג זַיין אַ מְלַמֵד - וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן כַאפְּן דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ מְלַמֵד און וִוי מֶען דַארְף זֵיי מַכִּיר טוֹבָה זַיין.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט כָאטְשִׁיג דְרֵיי מִינוּט פַארְן זְמַן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק פַאר קִינְדֶער, עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא, און פַאר עֶנְקֶער הַצְלָחָה.

זַייט זִיךְ מְקַבֵּל אַ גוּטֶע קַבָּלָה צוּ צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט אַפָּאר מִינוּט פַארְן זְמַן הַדְלָקָה, צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט כָאטְשִׁיג דְרֵיי מִינוּט פַארְן זְמַן, און בֶּעטְס בַּיי דִי לִיכְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, בֶּעטְס:

**״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער לִיגְט נָאר אִין דַיינֶע הֶענְט, נָאר דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן קִינְדֶער, בֶּעט אִיךְ דִיר אַ מַתְּנַת חִינָם, גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער״.**

דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט מַאכְן אַ רַעַשׁ און אַ טוּמְל אִין הִימְל, און אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע כֹּחַ פוּן טַאטֶע מַאמֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיז דָא, מֶען דַארְף זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג אוּן אוֹיךְ הַארְצִיג.

בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט, אוּן אוֹיךְ וֶוען אִיר שֵׁיידְט אָפּ חַלָּה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת וְכוּ' - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׂפְּרַאךְ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן זֵיי זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן וֶוען מֶען צִיט זֵיי אוֹיף זָאלְן זֵיי נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע כֹּחוֹת פוּן טַאטֶע מַאמֶע.

מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת, דָאךְ אִיז דָא מִינוּטְן וָואס אִיז אַן 'עֵת רָצוֹן', וָואס דֶעמָאלְט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִילוֹת שְׁנֶעלֶער; בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז דָאס וֶוען זֵיי טוּעֶן דִי מִצְוֹת פוּן נִדָה, חַלָּה אוּן הַדְלָקַת הַנֵּר, דֶעמָאלְט וֶועט נִישְׁט זַיין (שַׁבָּת לב.): "מֵתוֹת יוֹלְדוֹת" (לְפִי הַגִּירְסָא מֵתוֹת 'יַלְדוּת'), זֵיי וֶועלְן הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער; אַז מֶען וֶועט זַיין נִזְהָר צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי דְרֵיי מִצְוֹת עֶס זָאל זַיין גְרִינְג דָאס אוֹיפְבְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית יֶעדְן טָאג, פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער טָאג חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם טָאג (תַּעֲנִית כו:): "לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים", עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע טֶעג בַּיי אִידְן ווִי יוֹם כִּיפּוּר אוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם לא.): "מִכַּאן וְאֵילָךְ דְּמוֹסִיף

יוֹסִיף", דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב לֶערְנֶען מֶער פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶער תּוֹרָה - וֶועט לֶעבְּן לַאנְג; ווייל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פוּן ט"ו בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדְן טָאג אָנְהוֹיבְּן אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט אַפָּאר שָׁעָה, זָאג אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְן קוֹל מִיט הַתְמָדָה, וֶועסְטוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שְׁנֶעל דַיין שִׁידוּךְ.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פַאר דִי בָּחוּרִים אִין אַמֶעריקֶע מִיט יָארְן צוּרִיק שְׁנַת תשע"א, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זָאגְט עֶר צוּ עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ, אוּן אַזוֹי טוּעֶן אַלֶע בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַ הֲכָנָה פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, פַארְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיב הָאסְטוּ אִים לִיב, זַיי אִים מְחַזֵּק אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זָארְגְן פַאר אַ חָבֵר עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט, גֵיין דַאוֶוענֶען אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - דָאס מֵיינְט נִישְׁט זִיךְ זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס רוּחָנִיּוּת; דָאס אִיז מֶען מְחוּיָּב צוּ טוּן, דָאס מֵיינְט אַ גֶעטְרֵייעֶר חָבֵר, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וְחֶסֶד וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט אַ חָבֵר.

ווִי קֶענְסְטוּ שְׁטֵיין אִין דֶער זַייט אוּן שְׁווַייגְן וֶוען דַיין נָאנְטֶער חָבֵר שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין, בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן לֶעבְּט מִיט הֶפְקֵרוּת וְכוּ'? פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ נִישְׁט מִיט אִים? ווִי קֶענְסְטוּ זָאגְן דוּ הָאסְט אִים לִיב, דֶערִיבֶּער זָאגְסְטוּ אִים גָארְנִישְׁט? ווִי קֶענְסְטוּ זָאגְן: "אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין יֶענֶעמְ'ס רוּחָנִיּוּת"?

מִישׁ נִישְׁט קַיין יוֹצְרוֹת, אַ גַבְּאַי אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט אַרַיינְצוּקוּקְן אִין יֶענֶעמְ'ס סִידוּר זֶען צִי יֶענֶער דַאוֶוענְט אָדֶער יֶענֶער דְרִימְלְט, אַ גַבְּאַי אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ קוּקְן וֶוער עֶס שָׁאקְלְט זִיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן וֶוער עֶס קְלָאצְט; אוֹיף דֶעם אִיז

גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן 'זָארְג נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמ'ס רוּחָנִיּוּת', אָבֶער אַז אַ מִתְפַּלֵּל בַּיי דִיר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קוּמְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס נָאכְמִיטָאג לֵייגְן טַלִּית אוּן תְּפִילִין, דִי וַוייבּ שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערפְרִי, לוֹיפְט אַרְבֶּעטְן, אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין, טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט מִיטְן טָאג; אוֹיבּ הָאסְטוּ אִים לִיבּ - דַארְפְסְטוּ רֶעדְן מִיט אִים אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט, גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן טוּן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זַיין אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַייט אָפְּגֶעהִיטְן, רֶעדְט נִישְׁט מִיט קַיין פְרֶעמְדֶע מַאן אָדֶער בָּחוּר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תְּחִי', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר גֵייט אִין גַאס אוּן אַ בָּחוּר פְרֶעגְט אַייךְ ווִיפִיל אַזֵייגֶער עֶס אִיז, זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן, נָאר גֵייט וַוייטֶער; זַייט עֶקְסְטְרֶעם אָפְּגֶעהִיטְן, רֶעדְט נִישְׁט מִיט קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע מַאן אָדֶער בָּחוּר.

דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אִין דִי גַאס, דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט וואוּ מֶען גֵייעְן - וֶועט אִיר טְרֶעפְן אַ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ו): "כְּשֶׁהָאִשָּׁה מִצְנַעַת אֶת עַצְמָהּ בְּתוֹךְ הַבַּיִת", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל, זִי גֵייט נִישְׁט אִין גַאס וואוּ מֶען גֵייעְן, "רְאוּיָה לְהִנָּשֵׂא לְכֹהֵן גָּדוֹל", אִיז זִי וֶוערְד צוּ בַּאקוּמֶען אַ מַאן אַ צַדִּיק, "וְתַעֲמִיד כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים", אוּן קִינְדֶער צַדִּיקִים.

דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ בַּיי אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער אִיז - זִיךְ פִירְן אֵיידְל, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יח, ב): "עַל כָּל אֵבֶר וְאֵבֶר שֶׁהָיָה בּוֹרֵא בָּהּ", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן חַוָּה, "הָיָה אוֹמֵר לָהּ", הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּ אִירֶע אֵבָרִים אוּן גֶעזָאגְט, "תְּהֵא אִשָּׁה צְנוּעָה, אִשָּׁה צְנוּעָה", זַיי אַן אֵיידֶעלֶע פְרוֹי, פִיר זִיךְ אֵיידְל, נָאר אַז דוּ וֶועסְט זַיין אֵיידְל - בַּאשַׁאף אִיךְ דִיר.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ טַעַם אִין אֵיידְלְקֵייט, גֶעבּ מִיר לִיבְשַׁאפְט צוּ אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ זָאל אַרוֹיסְקוּקְן אֵיידְלְקֵייט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַאְרְוָואס הָאבְּן מִיר אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'.

זִי הָאט גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אַז דִי סִיבָּה פַאר קְרַאנְקֶע קִינְדֶער אִיז, אַז מֶען הִיט נִישְׁט טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה, מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין הֲלָכוֹת, זִי זָאגְט עֶס טוּט אִיר זֵייעֶר וֵויי, וַוייל לוֹיט וִויפִיל זִי וֵוייסְט הַאלְטְן עֶנְק דִי הֲלָכוֹת זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ אִיז מֶען מַקְפִּיד אוֹיף יֶעדֶע סְעִיף קָטָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אִיז וִוי קֶען זַיין אַז עֶנְק הָאבְּן אַ קִינְד וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט הַשֵּׁם יְרַחֵם?!

אַז מֶען זָאגְט פַאר אֵיינֶעם טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דִי הוּנְט וַוייל דוּ וֶועסְט כַאפְּן אַ בִּיס, מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַז אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶעכַאפְּט אַ בִּיס אִיז דָאס וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט מִיטְן הוּנְט. אַזוֹי אוֹיךְ, דִי תּוֹרָה זָאגְט אַז דֶער וָואס הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת וְכוּ' - וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער בַּעֲלֵי מוּמִין בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט קִינְדֶער - הִיט נִישְׁט הֲלָכוֹת.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, וִויפִיל אִיךְ וֶועל עֶנְק שְׁרַייבְּן אוּן שְׁטַארְקְן וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג, וַוייל דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג וָואס עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען מֶען הָאט אִין שְׁטוּבּ אַ קִינְד וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פִּיזִישׁ אָדֶער גֵייסְטִישׁ אִיז דָאס שְׁוֶוערֶער וִוי אַלֶע צָרוֹת, קַיין שׁוּם אִיד זָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס דִי צָרָה אִיז, דָאס אִיז דִי בִּיטֶערְסְטֶע צָרָה וָואס קֶען זַיין.

דָאךְ וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, זַייט אַייךְ מְחַזֵק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ" וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, "מְדַכְּאוֹ בְּיִסּוּרִין", צֶעקְלַאפְּט מֶען אִים מִיט יְסוּרִים, "וְאִם קִבְּלָם" אוּן אוֹיבּ

מֶען נֶעמְט אָן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט, מֶען שְׁוַוייגְט און מֶען רֶעדְט נִישְׁט קֶעגְן דִי אֱמוּנָה - "יִרְאֶה זֶרַע" וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, "יַאֲרִיךְ יָמִים" און צוּ אֲרִיכוּת יָמִים.

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד מֶעסְט זִיךְ נָאר אִין דֶעם, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ, מֶען גְלֵייבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאס אַלֶעס נָאר מִיךְ נֶענְטֶער צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ אִים, מִיךְ אוֹיסְלַייטֶערְן, און צוּלִיב נָאךְ סִיבּוֹת וָואס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אוּנְז; מִיט דֶעם מֶעסְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת און תַּרְעוּמוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

עֶנְקֶערֶע יְסוּרִים זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוער עֶס הָאט אַ קִינְד אִין שְׁטוּב, אַ זוּן אָדֶער טָאכְטֶער וָואס אִיז גֵייסְטִישׁ נִישְׁט מְסוּדָר, אָדֶער פִיזִישׁ נִישְׁט גֶעזוּנְט, אַן אִינְוַואלִיד, הַשֵּׁם יְרַחֵם - פַּאסְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַזוֹי וִוי מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף פַאר אַן עֶלְטֶערֶער אִיד אָדֶער אַ תַּלְמִיד חָכָם, וַוייל דִי צַעַר און וֵוייטָאג וָואס דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער - אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מֶען זָאל דָאס פַארְשְׁטֵיין.

עֶנְק קוּמֶען אָפּ מִיט דֶעם אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אָפְּקוּמֶען. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט (שו"ת בְּרֶסְלֶב, מִכְתָּב ג'שפו) וֶוער עֶס הָאט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד אִין שְׁטוּב, דִיסְעֶיבְּלְד אָדֶער גֵייסְטִישׁ אוּמְסְטַאבִּיל - וֶועט נִישְׁט זֶען דִי פָּנִים פוּן גֵיהִנוֹם, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֵיהִנוֹם, און אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, זֵיי נֶעמֶען אָן בְּאַהֲבָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט זֵיי - דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, און דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יַלְקוּט אִיוֹב, רֶמֶז תתק"ח), וָואלְט אִיוֹב נִישְׁט גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר הָאט גֶעלִיטְן זַיינֶע יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען אֱלֹקֵי אַבְרָהָם, אֱלֹקֵי יִצְחָק, וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב, "כַּךְ הָיוּ אוֹמְרִים אֱלֹקֵי אִיוֹב", וָואלְט מֶען אוֹיךְ גֶעזָאגְט אֱלֹקֵי אִיוֹב, אָבֶּער אִיוֹב הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן, עֶר הָאט גֶערֶעדְט קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אַבְרָהָם, יִצְחָק און יַעֲקֹב, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יְסוּרִים און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

## מְזַלְזֵל זַיין אִין הֲלָכוֹת, אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, מָאנְסִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ טָעוּת אִיז אַ טָעוּת, אוֹנֵס רַחֲמָנָא פַּטְרֵיהּ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֶוען מֶען מַאכְט אַ טָעוּת; מֶען רֶעדְט וֶוען מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי הֲלָכוֹת, מֶען לַאכְט זִיךְ אוֹיס, מֶען זָאגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ", אוּן: "דָאס אִיז נָאר אַ דְּרַבָּנָן", אוּן: "דָאס אִיז נִישְׁט דִי עֶכְטֶע עֲבֵירָה" - דָאס אִיז אַ סַכָּנָה, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, מֶען וֶוערְט קְרַאנְק לֹא עָלֵינוּ, אוּן מֶען קֶען בַּאקוּמֶען קִינְדֶער בַּעֲלֵי מוּמִין רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

מַאכְט נִישְׁט קַיין נֶערְוְון פוּן דִי הֲלָכוֹת, אוּן גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט צוּ טְרַאכְטְן ׳אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי הֲלָכוֹת׳, אוּן ׳אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת׳; נִישְׁט פוּן דֶעם רֶעדְן מִיר.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וְוִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְן דִי נֶערְוְון שְׁטֶערְקֶער אוּן גֶעזוּנְטֶער, מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, מֶען וֶוערְט רוּאִיג, דִי לֶעבְּן וֶוערְט גַן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...]

## מַאךְ זִיכֶער אַז יֶעדֶער טַאטֶע בַּאצָאלְט שְׂכַר לִימוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ב׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶער מוֹסָד, מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן פַארְן אַיינְקַאסִירְן שְׂכַר לִימוּד אוּן פִירְן דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת; בִּזְכוּת דִי לֶערְנֶען פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַיינְמָאנֶען פוּן יֶעדְן שְׂכַר לִימוּד, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מֶען צָאלְט נִישְׁט, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מֶען הָאט נִישְׁט; דֶער וָואס זָאגְט עֶר הָאט נִישְׁט - אִיז אַ לִיגְנֶער, וַוייל לֶעקְטֶער צָאלְט עֶר, דִירָה גֶעלְט צָאלְט עֶר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער,

דֶער וָואס זָאגְט "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט" אִיז אִין אַן אַנְדֶערֶע לָשׁוֹן: "עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט", עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת; אִיז אוֹיבּ אִים אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אִיז וָואס דַארְפְּסְטוּ לַיידְן?

יֶעדֶער טַאטֶע מוּז בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אוֹיבּ מֶען צָאלְט נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד אִיז גְנֵיבָה וּגְזֵילָה, חוּץ מִזֶּה צָאלְט מֶען אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז בְּמֶשֶׁךְ דִי לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵויי טוּן קֵיינֶעם, אָבֶּער לוֹיף יֶענֶעם נָאךְ בִּיז יֶענֶער וֶועט צָאלְן.

עֶס אִיז דָא נָאךְ זַאכְן, חִילוּקִים פוּן דֶער וָואס צָאלְט שְׂכַר לִימוּד אוּן דֶער וָואס צָאלְט נִישְׁט; דָאס וֶועל אִיךְ רֶעדְן מִיט דִיר, דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס קֶען דִיר הֶעלְפְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ בִּיסְט שׁוֹין פוּן דִי נֵייעֶ דוֹר תַּלְמִידֵי יְשִׁיבָה, וִויל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס קֶען דִיר הֶעלְפְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אַ הַבְטָחָה וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט יָארְן צוּרִיק, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב זוּמֶער שְׁנַת תשע"א, דִי דְרִיטֶע יָאר פוּן יְשִׁיבָה.

יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער פַאר דִי בָּחוּרִים, עֶס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חַתַנִים אִין יְשִׁיבָה, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה פַאר אַן אֵיידֶעם, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ', וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שִׁידוּכִים, יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט מֶען גֶעזָאגְט נֵיין.

אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעלַאדְנְט מוֹהֲרַא"שׁ צוּ קוּמֶען אִין קֶעמְפּ אוּן גֶעבְּן בְּרָכוֹת פַאר שִׁידוּכִים,

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר וֶועט קוּמֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, מֶען זָאל אָנְגְרֵייטְן אַ סְעוּדָה אוּן עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען שִׁידוּכִים.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, בַּיי דִי דְּרָשָׁה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פַּאר פֶערְצִיג טֶעג אִין אֵיין צִי, פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ", מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַהֵיים גֶעפָארְן, אוּן וָואס אִיז דָא צוּ דֶערְצֵיילְן? רוֹב בָּחוּרִים הָאבְּן אַלֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה גְּדוֹלָה מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, טָאג נָאךְ טָאג הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שִׁידוּכִים אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן; אַלֶע זֶענֶען חֲתָנִים גֶעוָוארְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

דִי סְגוּלָה גֵייט נָאךְ אָן; דִי יָאר, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ בֶּעט דִיר, כַאפּ זִיךְ מִיט, גְרֵייט זִיךְ אָן אַ גְמָרָא אוּן מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא, זָאג אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְן קוֹל, אוּן וִוי פְרִיעֶר אִין טָאג דוּ וֶועסְט דָאס טוּן וֶועט דִיר דָאס זַיין גְרִינְגֶער.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ וֶועסְט דָאס טוּן, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב שְׁטֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה אוּן בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶעם שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל פוּן אוּנְזֶערֶע גִּלְיוֹנוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מַגִּיהַּ זַיין אַלֶע גִּלְיוֹנוֹת, בִּפְרַט דִי גִּלְיוֹנוֹת וָואס מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס פוּן שְׁמוּעֶסְן וְכוּ', עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שְׁמוּעֶסְן וָואס קֶען וֵוייטוּן מֶענְטְשְׁן, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֵיין זַאכְן קֶעגְן קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיף יְחִידִים; זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם פְּרַט.

דִי וֶועלְט זָאגְט: "נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט - זָאגְט מֶען, נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען זָאגְט - שְׁרַייבְּט מֶען אוּן נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען שְׁרַייבְּט - דְרוּקְט מֶען", אוּן אֲפִילוּ בַּיי מוֹהֲרַ"אשׁ וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ טוּ אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס דִי וֶועלְט זָאגְט, וָואס אִיךְ טְרַאכְט - זָאג אִיךְ, וָואס אִיךְ זָאג - שְׁרַייבּ אִיךְ אוּן וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ - דְרוּק אִיךְ אוּן אִיךְ פַארְפְלֵייץ עֶס" - אִיז גֶעוֶוען קְלָארֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ נִישְׁט אַלֶעס צוּ דֶערְצֵיילְן אוּן נִישְׁט אַלֶעס צוּ דְרוּקְן; אִיךְ אַלֵיין הָאבּ בַּאקוּמֶען פְּסָקִים פַארְן דְרוּקְן גֶעוִויסֶע זַאכְן פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל פוּן אוּנְזֶערֶע גִלְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי "חִיזוּק יוֹמִי הַמְתּוּרְגָם"

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מַיין טֵייעֶרֶע לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אַרוֹיס שִׁיקְן דִי חִיזוּק יוֹמִי הַמְתּוּרְגָם, "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ", וֶוער עֶס טוּט פַאר דִי רַבִּים - הִיט מֶען אִים פוּן הִימֶל עֶר זָאל נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פְרִישֶׁע שִׁיעוּרִים וָואס אִיז מְתּוּרְגָם - זָאלְסְטוּ שִׁיקְן פוּן יָארְן צוּרִיק; אַוַדַאי אִיז גוּט צוּ שִׁיקְן נַייעֶ, אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא פְרִישֶׁע בְּרוֹיט - עֶסְט מֶען נֶעכְטִיגֶע בְּרוֹיט, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי חִיזוּק, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא פְרִישֶׁע שִׁיעוּרִים מְתּוּרְגָם - טָאר מֶען נִישְׁט לָאזְן מֶענְטְשְׁן הוּנְגֶערְן; זָאלְסְטוּ שִׁיקְן פוּן יָארְן צוּרִיק.

עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים אוּן אַלֶע וַוארְטְן אוֹיף דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע וָואךְ אַ בַּארִיכְט וִויפִיל טֶעג דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט דִי חִיזוּק אוּן פוּן וֶועלְכֶע שִׁיעוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## די יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן הֶעלְפְן צוּם קָאמְפֵּיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פַּרְשַׁת עֵקֶב וֶועט זַיין דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת. אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אַז דִי יָאר זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן, נִישְׁט זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, נָאר טַאקֶע הֶעלְפְן, דוּ וֵוייסְט אַלֵיין וָואס דִי מוֹסָד הָאט גֶעטוּן פַאר דִיר בֶּעָבָר אוּן וָואס דִי מוֹסָד טוּט טָאג טֶעגְלִיךְ פַּאר דַיין לֶעבְן אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן אוּן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ בֶּעטְן צְדָקָה פַאר בְּרֶסְלֶב פוּן קֵיינֶעם, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מִיט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְן זִיךְ נִישְׁט פוּן וֶועם צוּ שֶׁעמֶען, מוֹהֲרַא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים: ״מִיר הָאבְן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, מִיט אוּנְזֶער חֵדֶר - פוּן אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת״; זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן דִי פָּאר טֶעג צוּ אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם הֶעלְפְן שַׁאפְן צְדָקָה פַאר דִי מוֹסְדוֹת.

וָואס אִיז דָא זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען? וָואס רֶעדְן מִיר? וָואס טוּעֶן מִיר? וָואס אִיז דִי דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט אִין חֵדֶר, אִין בֵּית פֵּיגָא, אִין יְשִׁיבָה, אִין כּוֹלֵל? אוּן צְוִוישְׁן בַּעֲלֵי בַּתִּים? אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן נָאכְאַמָאל אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיין רְפוּאָה אִיז מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן דִי יָאר מִיט דִי קָאמְפֵּיין, מִיר הָאבְן נִישְׁט קַיין שְׁטִיצֶע פוּן דִי גַאס, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעוָוואנְדְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאל צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּ בִּיסְט אִין גֵיהִנוֹם, אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית - זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ

אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן גֵיהִנוֹם. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת אוֹת אַלֶ"ף, סוֹף עֲנַף "אֵפוֹד") אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טוֹיעֶר פוּנֶעם גֵיהִנוֹם אוּן לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת; אַזוֹי אוֹיךְ דִי וָואס זֶענֶען שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אִין גֵיהִנוֹם, בִּזְכוּת לִימוּד מִשְׁנַיוֹת גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גֵיהִנוֹם.

מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א), מֶען קֶען נִישְׁט מַכְנִיעַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי תּוֹרָה אִיז וִוי אַ שְׁטֶעקְן, דִי תּוֹרָה אִיז וִוי דִי אוֹת ו'; זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס מֵיינְט מֶען ו' סִדְרֵי מִשְׁנָה; מִיט דִי מִשְׁנַיוֹת שְׁלָאגְט מֶען דִי רוּחַ שְׁטוּת אוּן מֶען וֶוערְט נָארְמַאל, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת.

דַיין רְפוּאָה אִיז מִשְׁנַיוֹת; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וֶועסְט זֶען ווּאוּנְדֶער, אוֹיךְ וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען סַבְלָנוּת, וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט כַּעֲסְ'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, יֶעצְט בַּיי דִי קַאמְפֵּיין - דִי פָּאר טֶעג - זָאלְסְטוּ רוּפְן דַיינֶע פְרַיינְד, דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיינֶע שְׁכֵנִים, דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע - בֶּעטְן צְדָקָה, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער, בַּיי דִי קָאנְטְרִיס - בֶּעטְן צְדָקָה פַאר בְּרֶסְלֶב; שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מִיט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רטו), בִּשְׁעַת עֶר אִיז גֶעזִיצְן בַּיי אַ שָׁלוֹם זָכָר אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זִינְגֶען אַ נִיגוּן, אָבֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "ר' נַפְתָּלִי וָואס שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ? בִּשְׁבִילֵנוּ נִבְרָא הָעוֹלָם, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פַאר אוּנְז", אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת יב, יג): "'כִּי זֶה כָּל הָאָדָם', כָּל הָעוֹלָם לֹא נִבְרָא אֶלָּא בִּשְׁבִיל זֶה", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר פַאר דֶעם צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גְרֵייט זִיךְ צוּ אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט תְּפִלָּה, מִיט בֶּענְקֶען, מִיט שִׂמְחָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זָאגְט, (שַׁעַר יִשָּׂשכָר חוֹדֶשׁ אָב, מַאֲמָר יוֹם תְּבַר מַגָּל, אוֹת ב) אַ טַעַם פַאַרְוָואס מֶען הוֹיבְּט אָן וִוינְטְשְׁן "כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה" פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, וַוייל חֲמִשָּׁ"ה עָשָׂ"ר בְּאָ"ב בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי ווִי כְּתִיבָ"ה וַחֲתִימָ"ה טוֹבָ"ה, עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי הֲכָנוֹת צוּם יוֹם הַדִין.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "מָה אֹמַר לָכֶם" וָואס זָאל אִיךְ אֵייךְ זָאגְן, "אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה" נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, "הַיְנוּ לִהְיוֹת אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה" פוּן זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה; קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָארְג פַאר דִי שְׁפֶּעזְן פוּן דִי וֶועגְן".

גְרֵייט זִיךְ אָן מִיט תְּפִלָּה, מִיט בֶּענְקֶען, מִיט שִׂמְחָה - צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; הַלְוַאי וֶועסְטוּ זַיין אִין אוּמַאן מִיט אוּנְזֶער חֲבוּרָה, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען אִיז מִיט חֲבֵרִים וָואס אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אָבֶּער נִישְׁט דָאס זָאל זַיין יֶעצְט דִי אָפְּהַאלְט, קוּם אוֹיף אוּמַאן אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט זַיין וואוּ דוּ וֶועסְט זַיין; אַבִּי קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים אוּן מֶען לֶערְנְט דִי בְּרִיוו, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס הוֹיבְּט שׁוֹין אָן בְּלָאזְן דִי ווִינְטְל פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית לא.): "מֵחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וָאֵילָךְ תָּשַׁשׁ כֹּחָהּ שֶׁל חַמָּה" פוּן פוּפְצְן טָאג אִין אָב וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דִי הֵייסְקֵייט פוּן דִי זוּן; דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (שַׁעַר יִשָּׂשכָר חוֹדֶשׁ אָב, מַאֲמָר יוֹם תְּבַר מַגָּל, אוֹת ד), דִי הֵייסְקֵייט פוּן דִי זוּן אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי קְלִיפּוֹת קֶטֶב וּמְרִירִי, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין שְׁפַּאצִירְן אִין דִי דְרֵיי וָואכְן וַוייל דֶעמָאלְט זֶענֶען שׁוֹלֵט דִי קְלִיפּוֹת,

עֶר זָאגְט אַן אִינְטֶערֶסאנְטֶע זַאךְ, מֶען זֶעט אַז דִי פְלִיגְן קוּמֶען דָארְט וואוּ דִי זוּן בְּרֶענְט, אָבֶּער וֶוען עֶס וֶוערְט קִיל אָדֶער אוּנְטֶער אַ שָׁאטְן - קוּמֶען נִישְׁט דִי פְלִיגְן, וַוייל זְבוּב אִיז מְרַמֵּז אוֹיף קְלִיפּוֹת עֲמָלֵק אוּן עֵשָׂו, דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ז'כָּרוֹן בּ'סֵפֶר וְ'שׂוּם בּ'אָזְנֵי, אוּן פוּן ט"ו אָב הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי יְמֵי הָרַחֲמִים וְהָרָצוֹן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וִוי דִי יָאר אִיז אַרִיבֶּער. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע חֲבֵרִים, זָאג נִישְׁט דִיר וֶועט עֶס נִישְׁט שָׁאטְן, בִּיסְט נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וָואס זָאגְט אוּנְז (מִשְׁלֵי יז, יב): "פָּגוֹשׁ דֹּב שַׁכּוּל בְּאִישׁ" עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ בַּאגֶעגֶענֶען מִיט אַ פַארְצִיקֶנְדֶע בֶּער, "וְאַל כְּסִיל" וִוי צוּ בַּאגֶעגֶענֶען אַ נַאר, "בְּאִוַּלְתּוֹ" וָואס שְׁפֶּעט אוּן מַאכְט חוֹזֶק; מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אוּן גוּטֶע חַבֶרְ'טֶעס; אַז דוּ זֶעסְט אַז נָאכְן רֶעדְן מִיט דִי אוּן דִי חַבֶרְ'טֶעס לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס דִי גֶעפִיל צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם - זָאלְסְטוּ שֵׁיין רֶעדְן מִיט אִיר אוּן אִיר גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין זִי זָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִי חַבֶרְ'טֶעס.

דוּ זֶע צוּ קוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ צוּם לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַלֶעס טוּן אַז דַיין וַוייבּ זָאל הֶערְן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פְּרוֹיעֶן שִׁיעוּרִים, אוּן אַז מֶען דַארְף הָאבְּן וֶוער עֶס זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ זִי זָאל קֶענֶען גֵיין זִיךְ אָנְזַאפְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט חִיזוּק; קֵיינֶער אִיז נִישְׁט נָאנְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, נָאר דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דֶער וָואס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנְט דִי בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ בֶּעטְן גֶעלְט פַארְן קַאמְפֵּיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן - נַחֲמוּ, י"ב מְנַחֵם-אָב, תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבַּת נַחֲמוּ אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, שְׁטֶענְדִיג קוּמְט אוֹיס 'שַׁבַּת נַחֲמוּ' אִין 'פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן'; אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ טְרֵייסְטְן? דוּרְךְ 'וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'', דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען בֶּעט יֶעדֶע

זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – קוּמְט מֶען צוּ 'נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי', מֶען קֶען זִיךְ טְרֵייסְטְן אִין יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע צַייט.

מַאךְ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת, זַיי נִישְׁט אָנְגֶעצוֹיגְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת, שְׁרֵיי נִישְׁט, אוּן אַוַדַאי נִישְׁט שְׁלָאגְן; שְׁרֵייעְן אוּן שְׁלָאגְן הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס אִיז נָאר אַ וֶועג פוּן אוֹיסְגֶעבְּן דִי נֶערְוְון, שְׁרֵייעְן אוּן שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ; וָואס אִיז דִי עֵצָה? רֶעדְן אוּן רֶעדְן אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן.

זִינְג זְמִירוֹת אוּן רֶעד נָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, רֶעד נִישְׁט קַיין פָּאלִיטִיק, רֶעד נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הָרָע; טוּ עֶס פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

יֶעצְט קוּמְט דִי יֶערְלִיכֶע קַאמְפֵּיין פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן אוּן זַיין אַ גַבַּאי צְדָקָה, זָאלְסְט רוּפְן דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיינֶע שְׁכֵנִים, דַיינֶע קְרוֹבִים; מַאךְ נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת 'אִים רוּף אִיךְ יָא', 'אִים רוּף אִיךְ נִישְׁט', 'עֶר וֶועט זִיכֶער יָא גֶעבְּן', 'עֶר וֶועט זִיכֶער נִישְׁט גֶעבְּן'; דוּ טוּ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן.

טְרַאכְט נִישְׁט 'וָואס הָאט יֶענֶער מִיט בְּרֶסְלֶב?' אוּן 'וָואס הַאלְט יֶענֶער פוּן בְּרֶסְלֶב?' יֶעדֶער אֵיינֶער ווֵייסְט דֶעם אֱמֶת פוּן רֶבִּי'ן, אֵיינֶער זָאגְט עֶס אַרוֹיס אוּן אֵיינֶער הַאלְט עֶס פַאר אַ סוֹד, אַלֶע ווֵייסְן אַז דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט צוּרִיק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלה): "הַאִם לֹא הָיִיתִי יָכוֹל לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וּמַנְהִיג שֶׁקּוֹרִין (גוּטֶער יוּד) כְּמוֹ כָּל הַמַּנְהִיגִים שֶׁנּוֹסְעִים הַחֲסִידִים אֲלֵיהֶם וְאֵינָם יוֹדְעִים עַל מָה נוֹסְעִים, וְחוֹזְרִים וְשָׁבִים וּבָאִים וְאֵינָם יוֹדְעִים מַה בָּאִים", וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אַזוֹי ווִי אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס וָואס דִי חֲסִידִים קוּמֶען צוּ זֵיי אוּן ווֵייסְן נִישְׁט פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען אוּן וֶוען זֵיי גֵייעְן, גֵייעְן זֵיי אַהֵיים מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, נָאכְדֶעם קוּמֶען זֵיי נָאכְאַמָאל צוּרִיק אוּן זֵיי ווֵייסְן זֵיי נָאכְאַמָאל נִישְׁט פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען?! "אֲבָל אֲנִי לֹא רָצִיתִי בְּכָל זֶה, רַק לָקַחְתִּי עַצְמִי לַעֲסֹק בָּזֶה לְהַחֲזִיר אֶתְכֶם לְמוּטָב", אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט, נָאר אִיךְ הָאבּ אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַבִּי אִיר זָאלְט זַיין גוּטֶע אִידְן.

לֵייג דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת אִין דֶער זַייט, הוֹיבּ אָן טוּן, וֶועסְטוּ זֶען ווִי אַלֶע הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ הֶעלְפְן אוּנְזֶער מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## קֵייגְקָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן וָוי טוּן אַ מַאסָע

די פְּרוֹי שְׁטֵייט אוּן כְלִיפֶּעט... זִי וֵויינְט: ״רֶבִּי הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַן עֶלְנְדֶע פְּרוֹי, מַיין מַאן לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט, אוּן מַיין זוּן שְׁלָאגְט מִיךְ אוּן עֶר שְׁטוֹיסְט מִיךְ... רֶבִּי אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס... רֶבִּי, מַיין זוּן, עֶר וִויל מִיךְ הַרְגְ׳עֶנֶען...״

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי וָואךְ דֶערְצֵיילְן מִיר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים צַדִיק דֶער בַּאבַּא סַאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. צוּם עֶרְשְׁט וִוילְן מִיר פְרֶעגְן, וֶוער וֵוייסְט וָואס מֵיינְט בַּאבַּא סַאלִי?

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל אַבּוּחֲצִירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶועזְן רָב אִין מָארָאקָא, אִין דִי שְׁפְּרַאךְ מָארָאקִישׁ אִיז בַּאבַּא אַ ׳חָכָם׳, אוּן סַאלִי אִיז ׳אִידְן׳, דִי חָכָם פוּן דִי אִידְן. נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דִי שְׁטָאט נְתִיבוֹת, דָארְט הָאט דֶער צַדִיק גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים בֶּעטְן בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.



וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אַ מַאמֶע...

אֵיין טָאג קוּמְט אַרַיין אַן אַלְטֶע פְרוֹי מִיט אַ הוֹיכֶער מֶענְטְש, דִי אַלְטִיטְשְׁקֶע פְרוֹי הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוַויין: "רֶבִּי, אִיךְ בִּין אַן עֶלְנְדֶע פְרוֹי, מַיין מַאן לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט, אוּן מַיין זוּן שְׁלָאגְט מִיךְ אוּן עֶר שְׁטוֹיסְט מִיךְ... רֶבִּי אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס... רֶבִּי, מַיין זוּן, עֶר וִויל מִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען..."

דֶער צַדִיק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, עֶר הָאט זִיךְ מַמָשׁ גֶעשְׁטִיקְט מִיט וֵויינֶען: "אוֹי וֵויי... אוֹי וֵויי... וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַ מַאמֶע וָואלְט אִיךְ אִיר גֶעהָאלְפְן, אִיךְ וָואלְט גֶעזִיצְן מִיט אִיר, אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט אִיר..." דֶער צַדִיק וֵויינְט אוֹיפְן קוֹל: "אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, אַ מַאמֶע שְׁלָאגְט מֶען...?!"

דֶער זוּן הָאט גֶעהֶערְט וִוי דֶער צַדִיק וֵויינְט הָאט עֶס אָנְגֶערִירְט זַיין נְשָׁמָה אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּם צַדִיק: "אִיךְ זָאג צוּ, אִיךְ וֶועל מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן מַיין מַאמֶע, אִיךְ וֶועל אִיר מֶער נִישְׁט וֵויי טוּן, אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין אַ גוּטֶער אִיד".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר אַלֶע זָאגְן אוֹיךְ צוּ: "מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע, מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ מַאמֶע, מִיר וֶועלְן זַיין גוּטֶע אִידְן".